בס"ד

ויחי
שנה ב'

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל




כל הזכויות שמורות

## מיין פאלק

### חלק א: - די התאחדות פון כלל ישראל

**יעקב אבינו'ס מורא פאר זיין טויט**

**עס** ווערט געברענגט אין גמרא (פסחים נו.) אז ווען יעקב אבינו איז געלעגן אויף זיין קראנקען בעט ארומגענומען מיט זיינע הייליגע זין, איז ער געווען זייער אומרואיג. איבער וואס איז ער געווען באזארגט? זאגן אונז די חז"ל אז ער האט זיך ארומגעקוקט אויף זיינע צוועלף קינדער צום לעצטן מאל און נאכאמאל באמערקט דאס וואס ער האט געוואוסט א גאנץ לעבן - אז יעדער שבט איז באדייטנד אנדערש פון דעם צווייטן.

אזוי דערציילט די גמרא (שם ד.), הַהוּא דְּהַוָה קָא אָזִיל וְאָמַר - עס איז געווען א מענטש וואס פלעגט ארומגיין און זאגן, "אַכֵּף יַמָּא אַסִּיסְנֵי בִּירָאתָא - איך וויל לעבן ביים בארטן." ער האט זייער ליב געהאט דעם ברעג ים און ער האט נאכאנאנד גערעדט דערוועגן: "איין טאג, ווען איך וועל גיין אויף פענסיע וועל איך זיך בויען א הויז נעבן ים און דארט וואוינען." בָּדְקוּ אַחֲרָיו - האבן זיי אים נאכגעפארשט; פארוואס רעדט ער אזויפיל איבער דעם ברעג ים? האבן זיי אויסגעפונען אז ער שטאמט פון שבט זבולון. זְבוּלֻן לְחוֹף יַמִּים יִשְׁכֹּן - דער באשעפער האט ארייגעלייגט אין זבולון א ליבשאפט צו ימים און דערפאר זענען זיי געווען א ים רייזנדע פאלק. דאגעגן אנדערע שבטים זענען נישט געווען אזוי. זיי האבן נישט הנאה געהאט פון דעם ריח פון די געזאלצענע וואסער און האבן געליטן פון ים קרענק ביים פארן אויפ'ן ים - די אנדערע האבן ענדערש אויסגעוועלט צו שפאצירן אויף די יבשה.

איבער אן אנדער מענטש דערציילט דארט די גמרא, אז ער פלעגט ארומגיין זאגן: "דּוֹנוּ דִּינִי - משפט מיין דין." דאס מיינט, סיי ווען ער האט געהאט א סיכסוך מיט א צווייטן, איז ער נישט געווען אינטערעסירט צו מאכן א פשרה. "ניין, לאמיר גיין צום שופט און הערן וואס ער זאגט."

ער האט אזויפיל מאל געזאגט דּוֹנוּ דִּינִי, דּוֹנוּ דִּינִי - "משפט מיין דין," "משפט מיין דין," ביז מענטשן האבן דאס אנגעקוקט פארדעכטיגט. בָּדְקוּ אַחֲרָיו - זיי האבן נאכגעזוכט זיין

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

יחוס און אויסגעטראפן אז ער שטאמט פון שבט דן. דָּן יָדִין עַמּוֹ - דן איז געווען אומבויגזאם; ער האט נאכגעפאלגט דעם פונקטליכן דין. עס זענען פאראן מענטשן וואס זענען זייער שטייף מיט געזעצן; זיי האבן נישט ליב צו אפנייגן קיין האר. אפילו קליינע קינדער זענען צומאל אזוי פון געבורט; עס איז אין זייער נאטור צו אויספאלגן געזעצן. אנדערע זענען נישט ממש אזוי - זיי זענען מער בויגזאם; זיי זענען נישט אזוי שטייף מיט׳ן דין.

## פארשידע־נארטיגע קינדער

**די** קינדער פון יעקב זענען געווען זייער אנדערש איינער פון צווייטן, וואס אין אמת׳ן איז אזוי אין יעדע פאמיליע. לאמיר זאגן איר באזוכט אייערע קרובים - עס איז איבערראשנד צו זען ווי אנדערש זענען די קינדער איינער פון צווייטן. דא איז איין אינגל געשמאק און אויך גוטהארציג, אבער אביסל פויל און פארשלאפן. דערנעבן איז זיין ברודער, נישט אזוי בא׳טעמ׳ט, אבער פול מיט חיות, א פלאם פייער. עס איז א וואונדערליכער פאקט; צוויי ברידער פון די זעלבע עלטערן אבער זיי זענען אינגאנצן נישט אייניג. אפשר וועט מען טרעפן עפעס אן ענליכקייט אויף זייער נאז, אבער אויסערדעם זענען זיי גענצליך אנדערש. פארשטייט זיך, דאס זעלבע איז אויך מיט שוועסטערס פון איין משפחה.

אלזא, ווילאנג יעקב אבינו האט געלעבט איז ער נישט געווען אזוי באזארגט - עלטערן זענען ווי א דעקל פון א בוך וואס האלט צוזאם אלע בלעטער. אבער איינמאל די דעקל טיילט זיך אפ, טוען זיך די בלעטער צענעמען. דאס זאגט דער מדרש, אז יעקב אבינו האט געקוקט אויף זיינע זין וועלכע זענען געווען פארזאמלט ארום זיין קראנקען בעט און ער האט געזאגט: ״וואס וועט זיין נאך מיין טויט? וואס וועט פאסירן ווען איך וועל מער נישט זיין דא? ווער וועט צוזאמענהאלטן דאס הייליג פאלק? לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי ה׳ - באשעפער, מיר דארפן א גרויסע ישועה.״

## דער שופר של משיח

**דער** אמת איז אז מיר שטייען מיט דעם זעלבן פראבלעם ביז צום היינטיגן טאג; עס גייט נישט אוועק - דאס איז איינע פון די גרויסע פראבלעמען וואס וועט אונז דערקוטשען ביז משיח קומט. יעדן טאג בעטן מיר אין שמונה עשרה תְּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל לְחֵרוּתֵנוּ - בלאז מיט דעם גרויסן שופר אונז צו באפרייען,

מיר בעטן אבער דעם באשעפער אפילו מער פון דעם; מיר לייגן צו נאך א ווארט צו די תפילה, וְקַבְּצֵנוּ יַחַד - זאמל אונז איין צוזאמען. כאטש וְקַבְּצֵנוּ, זאמל אונז איין, באדייט ׳צוזאמען׳, אבער דאס ווארט יַחַד, עס זאל זיין מיט א געפיל פון פאראייניגונג און אחדות, טראץ וואס עס וועלן קומען צוגיין מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ, מיר וועלן אנקומען פון די פיר עקן פון די וועלט.

יחד! אהה, דאס איז א גרויסער פארלאנג! אלע פארשידנארטיגע געמיינדעס אין גלות וועלן קומען מארשירן צוריק אהיים. פון די ווייטע מזרח לענדער וועלן זיי קומען. זיי וועלן קומען פון דרום אפריקע און פון רוסלאנד און פון ענגלאנד. זיי וועלן קומען פון קאנאדע און פון באלטימאר און פון אלעסקע. זיי וועלן קומען פון ערטער וואו מיר האבן אפילו נישט געוואוסט אז עס געפינען זיך דארט אידן.

און ווען זיי וועלן קומען, וועלן זיי קומען מיט פארשידנארטיגע אויסשפראכן, מיט א געמיש פון קליידונג און אנדערע צורות. זיי וועלן קומען מיט אייגנארטיגע מנהגים, פירונגען און עטיקעטן. אפילו מנהגי התורה זענען פילפארביג - מנהגים פון תימן זענען זייער אנדערש ווי די מנהגים פון די אידן אין ליטא. און די מנהגים פון די ליטווישע אידן זענען אנדערש פון די חסיד׳ישע מנהגים.

## שטריימלער און קנייטש היטן, בעקיטשעס און קאפאטעס

**די** חסידים וועלן קומען מיט זייערע שטריימלעך און בעקיטשעס, די ליטווישע מיט קנייטש הוטן און רעקלעך; אידן פון ירושלים מיט זייערע קאפאטעס, - זיי וועלן קוקן איינער אויפ׳ן צווייטן, ווי גלייך מען געהערט צו אן אנדער פאלק.

דאס איז אבער נישט ׳יחד׳! עס איז וויכטיג אז אלע זאלן זיך פאראייניגן אלס איין פאלק - א גּוֹי אֶחָד. ׳אחד׳ מיינט, אלע זענען צוזאמען; אלע פאמיליעס, אידן פון אלע שיכטן און קרייזן, זאלן זיך צוזאמקומען און פאראייניגן.

## די שבטים האבן די לעזונג

**מעגליך** אז געוויסע מענטשן האפן אז דאס וועט געשען אליין, על פי גזר ה׳. וויל איך זיך אנטשולדיגן פאר אנטוישן, אבער עס וועט נישט גיין אזוי - אויף עפעס אן אופן וועט מען דארפן איבערקומען די פארשידנהייטן. דערפאר זענען מיר באזארגט מיט די זעלבע דאגה וואס האט געמוטשעט יעקב אבינו: "וואס וועט זיין?" מיר בעטן אויך, לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי הַשֵּׁם - מיר דארפן עפעס וואס זאל אונז ווייזן דעם וועג פון אחדות וואס דארף זיין ביי כלל ישראל.

אין יענע צייט, ווען יעקב אבינו האט געבעטן צום באשעפער, האבן די ברידער אים געזאגט, "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל - הערט צו ישראל אונזער טאטע, עס איז ריכטיג - מיר זענען זייער אנדערש איינער פון צווייטן, אבער מיר האבן עפעס וואס פאראייניגט אונז: ה׳ אֱלֹקֵינוּ - דער באשעפער איז אונזער באשעפער; מיר זענען עבדי ה׳, ה׳ אֶחָד - עס איז דא נאר איין באשעפער צו וועמען מיר דינען און דאס וועט אונז האלטן פאראייניגט טראץ די אונטערשידן אין אונזער נאטור. סיי וואספארא פארשידנארטיגקייטן וואס דו זעסט, זיי ווערן איבערגעוועלטיגט דורך דעם ׳יחד׳, די פאראייניגונג וואס קומט פון אונזער דינונג דעם איינציגן באשעפער."

## דער סוד צו שלום בית

**לאמיר** דאס ערקלערן מיט א משל, וואס איז אמת אויך. א מאן איז זייער אנדערש פון זיין ווייב. ווען א מענטש האט חתונה זאל ער קיינמאל נישט ערווארטן אז זיין ווייב וועט זיין ווי אים. סיי וואספארא חלומות ער האט, וועט ער אלעמאל צום סוף אנטדעקן, אז נאך אלעם איז זי א פרוי און ער איז א מאן. נָשִׁים עַם בִּפְנֵי עַצְמָן - פרויען זענען אן אנדער פאלק, זאגט די גמרא. די נאטורן און אינטערעסן זענען אינגאנצן אנדערש.

אבער ווען זיי קומען צוזאמען אונטער׳ן חופה, פארשטייענדיג אז די שכינה רוהט צווישן זיי, דאן פאלן די אונטערשידן אונטער א שאטן פון "ה׳ אחד". וועמען גייט אן אויב זיי זענען אנדערש? עס מאכט נישט אויס קיין חילוק, ווייל זיי זענען פאראייניגט מיט דעם גרויסן תפקיד פון דינען דעם

באשפעער. זיי האבןביידע א שטרעבונג צו בויען א משכן פון עבודת ה׳, צו ערציען א משפחה פון עבדי ה׳! ה׳ אלקינו ה׳ אחד!

דאס איז וואס די ברידער האבן געזאגט צו זייער טאטן: אֵין בְּלִבֵּנוּ אֶלָּא אֶחָד - מיר האבן נאר איין באשפעער און דערפאר וועלן מיר בלייבן איין פאלק אויף אייביג, פאראייניגט מיט דעם באשפעער. ווען יעקב אבינו האט דאס געהערט, זאגט די גמרא, איז ער געווארן געטרייסט. ער האט געזאגט, ״בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד - דער כבוד פון דעם באשפעער׳ס קעניגרייך וועט בלייבן אויף אייביג.״ אויב איר וועט אלעמאל זיין באחדות אין עבודת ה׳, טראץ די פארשידנארטיגקייטן צווישן אייך, דאן וועט יעדער פון אייך מאכן א כבוד שמים דוקא דורך צוגעבן זיין אייגנארטיגקייט און קוואליטעטן צו עבודת ה׳.

## דער באשעפער מאכט אונז פאר א פאלק

**דאס** איז וואס מיר זאגן, אז דער איינבונד פון א בוך וואס האלט די בלעטער צוזאמען, דאס גייט ארויף אויף דעם וואס מיר זענען אלע פאראייניגט מיט דעם יסוד פון אונזער עקזיסטענץ, דער שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה ׳אֶחָד; סיי וואספארא אונטערשידן עס זענען פארהאן וואס זעט אויס אז עס ציט אונז צו אנדערע ריכטונגען, ווערט דאס אלעס איבערגענומען מיט דעם ׳איינבונד קלעב׳ פון עבודת ה׳. מיר זענען אלע פארבונדן איינער צום אנדערן מיט דעם פאראייניגונג פון ה׳ אחד - דער באשפעער איז דער וואס מאכט אונז פאר איין פאלק.

דאס איז א וויכטיגער לימוד וואס מיר לערנען פון א מדרש מכילתא: אין אז ישיר לויבן מיר דעם באשפעער און זאגן, וּבְרֹב גְּאוֹנְךָ תַּהֲרֹס קָמֶיךָ - מיט דיין פיל גרויסקייט טוסטו צעברעכן די וואס שטייען אויף קעגן דיר. פרעגט דער מכילתא, אויף וועמען גייט ארויף, ׳די וואס זענען אויפגעשטאנען קעגן דיר?׳ צי זענען דען די מצריים אויפגעשטאנען קעגן דעם באשפעער? זיי זענען דאך אויפגעשטאנען קעגן די אידן, דאס אלעס.

זאגט דער מכילתא: כָּל מִי שֶׁקָּם כְּנֶגֶד יִשְׂרָאֵל כְּאִלּוּ קָם כְּנֶגֶד הקב״ה - יעדער וואס שטייט אויף קעגן די אידן, טוט אייגנטליך אויפשטיין קעגן דעם באשעפער. ווייל וואס איז דען דאס אידישע פאלק? צי זענען מיר א פאלק ווי דאס פוילישע פאלק? אזוי ווי די ענגלישע פאלק? חס ושלום! די איינציגסטע זאך וואס מאכט אונז פאר א פאלק איז דאס וואס מיר דינען דעם באשעפער. אֵין אֻמָּתֵנוּ אֻמָּה אֶלָּא בַּתּוֹרָה - אונזער פאלק איז נאר א פאלק צוליב די תורה (רבי סעדיה גאון, אמונות ודעות ג:ז). דער באשעפער האט אונז געגעבן די תורה און דאס האט אונז געמאכט פאר זיין פאלק. ווער איז א טייל פון דאס אידישע פאלק? נאר די וואס היטן די תורה ביז צום היינטיגן טאג. די ערליכע אידן היטן די תורה - מיר זענען א תורה פאלק. דאס איז די אנהאלטונג צו אונזער עקזיסטענץ און דאס איז די איינציגסטע זאך וואס האלט צוזאם אונזער פאלק.

## מיר זענען נישט קיין פרעמדע

**דערפאר** שפירן מיר א נאנטקייט מיט יעדן ערליכן איד; זאלן דאס זיין אידן פון תימן, פון אסטראליע, פון ארץ ישראל אדער ארגענטינע, אזוי אויך א ספרד׳ישער איד, א סירישער איד אדער א בוכארישער איד - סיי וואו עס געפינט זיך א איד, פון

סיי וועלכן אפשטאם, האבן מיר א קשר מיט אים. אלע אידן וואס זענען געטריי צו די תורה, זענען א טייל פון אונזער פאלק. דאס מיינט אן 'עם אחד' פון דעם 'ה' אחד'; מיר שפירן א פארבינדונג צו זיי - מיר טארן נישט טראכטן, 'דער איז א פרעמדער'. ניין, מיר זענען נישט פרעמד צו קיינעם וואס איז אן ערליכער איד.

אהה! דאס איז גערעדט ווערטער! אפילו מיר האבן אונטערשידן אין אונזער פערזענליכן לעבן, פארבלייבט אלעמאל די באהעפטונג פון עבודת ה' וואס פארבינדט אונז צוזאמען מיט א ברודערליכע נאנטשאפט. עס איז אייגנטליך פיל מער ווי א בלוט קרוב, דאס איז א בונד אין מח וואס טוט אונז פאראייניגן. מיר זענען נישט בלויז פארבונדן איינער צום צווייטן גענעטיש; איין איד צום צווייטן איז א ברודער אין א בחינה פון עֲמִיתֶךָ, ער איז עִמְּךָ בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת. די חז"ל זאגן, אָחִיךָ מיינט אָחִיךָ בְּמִצְוֹת - 'דיין ברודער אין מצוות'.

## איך האב ליב מיין פאלק, כלל ישראל

**אויב** דו גייסט אין גאס און דו זעסט בחורים מיט שווארצע הוטן ארויסקומען פון א ישיבה בנין אדער באסעס וואס פירן אידישע אינגלעך אין חדר, דארף דיין הארץ ווערן איבערגעפילט מיט פרייד. דו דארפסט שפירן א שטארקע שעצונג פאר דיינע פארבונדענע עובדי ה'. דו קוקסט אויף 'דיין' פאלק!

אויב א פרוי זעט א גרופע ערליכע מיידלעך, אנגעטון בצניעות, קומען ארויס פון א שולע, שפאנענדיג איידל אין גאס, דארף איר הארץ ווערן פול מיט שמחה. די מיידלעך זענען 'איר' פאלק!

דו גייסט פארביי א גאס נאך א גאס און דו זעסט טאטעס מיט קינדער גייען אין בית המדרש, דו האסט ליב דאס צו זען! דיין הארץ קוועלט פון שטאלץ און פרייד. דאס וויל דער באשעפער!

עס זענען פאקטיש דא אידן וואס ווערן אזוי פריילין ווען זיי זעען אנדערע אידן, עס קען זיי קומען טרערן פון גליק צו זען מענטשן פון דאס אידישע פאלק.

פארדעם איז זייער גוט צו דורכשפאצירן די גאסן אין בארא פארק. מען זעט גרויסע מזוזות איינער נאכ'ן צווייטן, גאסן און גאסן פול מיט אידישע הייזער. ווען ס'קומט מיר אויס, ס'איז נישט צו אפט, אבער ווען ס'מאכט זיך אז איך קום אן קיין בארא פארק שפיר איך א יראת הכבוד. איך זאג אייך די אמת, איך שפיר א יראת הכבוד, מה נורא המקום הזה, עס איז אזא גרויסע גליק צו זיין א טייל פון א פאלק פון צדיקים.

דאס איז וואס איר דארפט טראכטן בשעת איר שפאצירט: 'איך שפאציר צווישן מיין פאלק. דאס איז מיין פאלק און איך האב זיי ליב. עס גייט מיר נישט אן וואספארא הוט ער טראגט אדער צו וועלכן קרייז ער געהערט; עס איז מיין פאלק! דאס זענען די מענטשן אין די וועלט מיט וועמען איך בין פארבונדן.'

## חלק ב: - לעבן מיט די פריערדיגע דורות

### זיך אידענטי־פיצירן מיט אונזער היסטאריע

**אלזא**, ווען מיר זאגן אז מיר ווילן זיין צוזאמען מיט דאס אידישע פאלק, דארפן מיר געדענקען צוויי פונקטן: איינס איז דאס וואס מיר האבן ביז אהער גערעדט, אז מיר דארפן זיין צוזאמען, יחד, מיט דאס אידישע פאלק פון היינט. מיר דארפן שפירן א פארבינדונג מיט אלע ערליכע אידן און מיר דארפן זעען דאס גוטס אין יעדן - מיר אנערקענען אז יעדע קהילה האט עפעס צו פארקויפן ווייל מיר זענען אינאיינעם פארבונדן מיט'ן ציל פון 'ה' אחד'. דאס מיינט נישט אז מיר דארפן אויפגעבן אונזער אייגנארטיגן וועג פון דינען דעם באשעפער, אבער מיר דארפן אויך שעצן די וועגן פון אנדערע. מיר זענען אלע פאראייניגט, זאגנדיג 'ה' אלקינו ה' אחד'. דאס איז זייער וויכטיג צו געדענקען.

אבער אויסערדעם וואס מיר זענען 'יחד' מיט אלע ערליכע אידן פון אונזער דור, איז פונקט אזוי וויכטיג זיך צו שפירן פאראייניגט מיט דאס אידישע פאלק פון אלע פריערדיגע דורות. מיר דארפן אלעמאל געדענקען אז מיר זענען מיטגלידער פון דאס אידישע פאלק מיט איר גאנצקייט - פון דעם אנהייב פון איר עקזיסטענץ ביז צום היינטיגן טאג. מיר דארפן זיין אומאפטיילבאר פון אונזער גאנצע היסטאריע - נישט נאר פון די אידן וואס לעבן היינט. מיר דארפן לעבן מיט'ן עבר - דאס באדייט צו זיין א מיטגליד פון דאס אידישע פאלק.

### צייל די דורות

**ווער** איז דאס אידישע פאלק? אברהם, יצחק און יעקב; שרה, רבקה, רחל און לאה; די הייליגע שבטים, משה רבינו און זיין דור, יהושע בן נון און זיין דור, אלע שופטים, שמואל הנביא און זיין דור, שאול המלך, דוד המלך, שלמה המלך; ישעי' הנביא און שפעטער שמעון הצדיק און אלע תנאים און אמוראים, אלע ראשונים און אחרונים און אזוי ווייטער אלע דורות; מיר זיינען איינס מיט אונזער פאלק פון איר אנטשטייאונג ביז היינט.

אויב עס פעלט איינעם דאס געפיל פון פארבינדונג צו די אמאליגע דורות, פעלט אים די פארבינדונג צו כלל ישראל, ווייל דאס אידישע פאלק מיינט מיט איר גאנצקייט, פון אלע דורות - דאס דארף זיין א טייל פון אונזער פערזענליכקייט.

### דער שמועס אין וויליאמסבורג

**אצינד**, ווי אזוי באווייזן מיר דאס? די ערשטע זאך איז, אז אויב איר ווייסט נישט פון זיי, קענט איר זיך נישט אידענטיפיצירן מיט זיי. דער וואס ווייסט צו דערציילן אויף א היינטיגער פאליטיקער בעסער ווי להבדיל אויף אברהם אבינו, קען ער זיך נישט אידענטיפיצירן מיט דאס אידישע פאלק. נאר איינער וואס לערנט נאכאנאנד - ער לערנט חומש און האלט אין איין איבער'חזר'ן די געשעענישן פון די אבות און ער דערציילט פאר זיך און זיינע קינדער פאסירונגען פון די אמהות; ער באגעגנט א חבר אין גאס, רעדט ער פון משה רבינו אין די פרשה - אזא מענטש לעבט מיט דאס אידישע פאלק.

אזוי זענען אידן אלעמאל געווען. אין די אלטע צייטן, א שטייגער ווי א הונדערט יאר צוריק, פון וואס האבן אידן געשמועסט? די אידן אין די קליינע שטעטלעך האבן נישט פארמאגט קיין

ציטונגען, אפילו אין די גרויסע שטעט איז דאס געווען א זעלטנהייט. ווען אידן האבן גערעדט איינער מיט׳ן צווייטן, האט מען דיסקוסירט די פרשת השבוע. ווען איך בין געווען א קינד, פלעג איך עסן שבתים ביי א קרוב אין וויליאמסבורג, וועלכע זענען נישט לאנג פריער געקומען פון אייראפע. ביים טיש האבן זיי גערעדט פון די פרשת השבוע - נאר פון דעם האבן זיי געשמועסט. זיי זענען נישט געווען קיין למדנים אבער זיי האבן נישט געהאט עפעס אנדערש פון וואס צו רעדן. פרשת השבוע - דאס איז ערציילונגען פון זייער פאלק, זייער היסטאריע. זיי האבן געלעבט מיט אברהם אבינו!

אויב זענט איר א טייל פון כלל ישראל, דאן טראכט איר פון אברהם אבינו. זוֹכֵר חַסְדֵי אָבוֹת - דער באשעפער געדענקט די גרויסקייט פון אונזערע עלטערן. איר בעט אז דער באשעפער זאל דאס געדענקען? און אפשר זאלט איר דאס געדענקען? הייב אן צו טראכטן און שעצן אברהם אבינו. פארבינד זיך מיט אים. ׳ער איז מיין זיידע! איך בין אזוי שטאלץ מיט אים.׳ דער באשעפער איז שטאלץ מיט אים - דארפן מיר זיכער זיין שטאלץ מיט אזא זיידן.

## מיטלעבן אונזער פארגאנגענהייט

**איך** געדענק ווען מענטשן פלעגן זיך צוזאמקומען שבת נאכמיטאג און רבנים האבן געזאגט דרשות אויף די סדרה פון דער וואך. נישט פאר איין שעה; לאנגע דרשות האבן זיי געזאגט! און מענטשן האבן אויסגעהערט ווייל דאס איז וואס האט זיי אינטערעסירט - זיי האבן געהערט איבער זייער פאלק, פון די מענטשן מיט וועמען זיי האבן זיך געשפירט די מערסטע פארבונדן. איך געדענק דעם אלטן רב אין די ביאליסטאקער שול, הרב ווילסקאוסקי ע״ה. ווען ער פלעגט דערציילן איבער די חתונה פון יצחק און רבקה, פלעגט ער אויסשרייען, "מזל טוב, מזל טוב!" יעדער האט אויסגעהערט געשפאנט ווי אזוי ער האט אראפגעלייגט די חתונה פון יצחק און רבקה, ווי גלייך זיי האלטן עס יעצט מיט. אזוי האבן זיי געלעבט. זיי האבן געלעבט אינעם חומש און זיי האבן עס ווידעראמאל באלעבט יעדן יאר ווען דער בעל קורא האט דאס געליינט, נאכאמאל און נאכאמאל. זיי האבן געשפירט ווי זיי זענען א טייל פון דעם אלעם.

זיי האבן מיטגעלעבט אלע פאסירונגען פון משה רבינו. אידן האבן געלערנט חומש, משניות און גמרא און די אלע פאסירונגען וואס די תורה און גמרא דערציילט זענען שטענדיג געלעגן אויפ׳ן צונג. זיי האבן געפילט ווי דאס איז זייער היסטאריע, און דאס איז געווען דער שמועס דורכ׳ן טאג. אזוי איז עס געווען אמאל - אידן האבן זיך געשפירט פארבונדן מיט דעם כלל ישראל פון די היסטאריע. נאך אלעם, שטאמען מיר דאך פון זיי. אן ערליכער איד איז פרייליך זיך צו אידענטיפיצירן מיט אונזער ירושה פון אמאל, ביז צו די אידן וועלכע האבן מקבל געווען די תורה אויפ׳ן בארג סיני.

דערפאר, ווען איר עפנט א חומש אדער א גמרא איז כדאי צו טראכטן דערפון; איר טוט נישט בלויז לערנען א פסוק אדער מסכת, איר לערנט די זעלבע ווערטער וואס רב אשי האט געלערנט, די זעלבע רייד אין וואס דער רמב״ם האט זיך פארטיפט. דער רמב״ן, רשב״א, ר״ן, ריטב״א, דער

רמב"ם, רש"י, תוספות - זיי האבן אלע פארברענגט זייערע טעג און נעכט לערנענדיג די זעלבע סוגיא וואס איר לערנט. פארשטייט זיך אז זיי האבן דאס געלערנט אויף א העכערע מדריגה; מיר פארשטייען בלויז א קליין דערהער פון וואס זייערע גרויסע און הייליגע מוחות האבן משיג געווען. אבער אפילו בלויז דער פאקט אז זיי האבן געלערנט די זעלבע ווערטער, מיינט אז מיר זענען פארבונדן מיט די גרויסע לייט און מיט דאס גאנצע אידישע פאלק וואס האט שטענדיג עוסק געווען אין די זעלבע תורה.

## אונזערע געהויבענע באבעס

**מיר** דארפן זיין שטאלץ מיט אונזערע הייליגע באבעס. ווי דער גאון רבי ירוחם לייבאוויץ ז"ל, דער מירער משגיח, האט זיך אויסגעדרוקט, "מיר קענען נישט משיג זיין אונזערע עלטער באבעס." ער האט גערעדט פון די פשוט'ע, אומגעלערנטע באבעס פון הונדערט יאר צוריק, צוויי הונדערט יאר צוריק, דריי הונדערט יאר צוריק - וואס ווייטער די דורות אלץ גרעסער.

מיר דארפן זיך שפירן פארבונדן אויך מיט די פשוטי עם, די ערליכע פרומע אידן און אידענעס פון אמאל, דאס איז גאר וויכטיג.

לאמיר אביסל אויסשמועסן א שטיקל פון אונזער היסטאריע. אין ספר יוסיפון ווערט באשריבן דער חורבן בית המקדש, ווען מאסן אידן, פשוט'ע אידן, זענען פארכאפט געווארן דורך די רוימער. אויפ'ן וועג פירנדיג זיי קיין רוים, האט טיטוס הרשע דורכמארשירט, מיט די צענדליגער טויזנטער געפאנגענע, פון שטאט צו שטאט און אין יעדן ארט האט ער אויפגעשטעלט טעאטער צענטערן וואו מענטשן זענען געקומען זען ווי מ'פייניגט די אידן. מען האט געגעבן פאר די אידן א ברירה זיך צו ראטעווען דאס לעבן אויב זיי זאגן אז זיי גלייבן מער נישט אין די תורה (ח"ו). אבער די אידן האבן זיך מוסר נפש געווען, נישט וועלנדיג ארויסזאגן אזעלכע שענדליכע ווערטער פון מויל. מיר רעדן נישט דא פון גדולים אדער רבנים, דאס זענען געווען פשוט'ע אידן! זיי האבן זיך געלאזט פייניגן מיט שרעקליכע אכזריות'דיגע פייניגונגען ביז צום טויט, נישט וועלנדיג זאגן אז זיי גלייבן נישט אין די תורה!

יוסיפון שרייבט וואספארא גרויסער קידוש ה' דאס איז געווען. די פעלקער האבן זיך צוגעקוקט ערשטוינט צו די סצענעס. דאס איז געווען די גרויסקייט פון דעם המון עם, געווענליכע מענטשן. דאס איז נישט געווען א סארט נסיון צו ווערן פאקטישע אפיקורסים אדער זיך בוקן צו א געטשקע. ניין! נאר זיך צו אפהאלטן פון ארויסזאגן רייד קעגן די תורה - אפילו אייןווארט קעגן די תורה האבן זיי נישט געוואלט זאגן! און אויף דעם זענען זיי גרייט געווען צו ליידן אויסטערלישע יסורים. אזוי גרויס איז אונזער פאלק געווען אין די פריערדיגע צייטן.

און ווען מיר טוען זיך אידענטיפיצירן מיט אונזער עבר, זענען מיר פארבונדן מיט'ן אידישן פאלק מיט איר גאנצקייט; מיט אלע גרויסע לייט און אויך פשוט'ע מענטשן פון אלע דורות ביז אברהם אבינו.

## פרעגט זיך אליין עטליכע שאלות

**כדי** צו זיין א מיטגליד פון דעם היסטארישן אידישן פאלק, דארפט איר זיך אראפגעבן אביסל צייט צו טראכטן: זענט איר פארבונדן מיט די אידן? זענט איר פארבונדן מיט אלע ערליכע אידן וואס לעבן היינט? זענט איר פארבונדן מיט אלע עובדי ה׳ אין די פריערדיגע דורות? שפירט איר געטריישאפט און ליבשאפט צו אונזערע אבות און צו אלע גרויסע לייט פון די פאראנגענהייט? וויפיל טוט אייער לעבנסגאנג זיין אין שפאן מיט דעם לעבנסגאנג פון אונזערע עלטערן פון אפילו הונדערט יאר צוריק? איז א פרוי אין איר היים אזוי ווי איר עלטער באבע איז געווען אין איר היים? איז איר עיקר שאיפה צו זיין אן עקרת הבית און ערציען קינדער אין די וועגן פון באשעפער? איז זי געטריי צו איר שטוב אויפגאבן, אדער לויפן אירע געדאנקען צו עררייכן א קאריערע, אלץ גרעסטע דערגרייכונג אין לעבן? אויב זוכט זי א קאריערע, טוט זי נישט נאכמאכן אונזערע אמהות שרה, רבקה, רחל און לאה און אונזערע עלטער באבעס אין די שפעטערע דורות.

מיר דארפן זיך אידענטיפיצירן מיט אונזערע עלטער זיידעס און עלטער באבעס. דאן וועלן מיר צוקומען צו א פשטות און באשיידנקייט, אסאך מותרות וועלן אוועקפאלן. אודאי מעג א איד אמאל פארברענגען און הנאה האבן אין לעבן, אבער דאס דארף אויך זיין מיט ערליכקייט אין א פרומע אידישע סביבה. אפילו ווען מיר באשעפטיגן זיך מיט גשמיות, דארפן מיר וויסן וואס און ווי אזוי דאס צו טון ווי אן ערליכער איד.

אין אלגעמיין דארף אונזער גאנג פון לעבן נאכפאלגן אונזערע אור-עלטערן. עס זענען דא פיל ביישפילן ווי אזוי, וואס יעדער דארף צופאסן צו זיין פערזענליכן לעבן, אבער דער כלל איז, מען דארף לעבן אויף דעם אופן ווי דאס אידישע פאלק האט אלעמאל געלעבט.

## הנאה האבן פונעם לעבן

**אונזערע** עלטערן האבן געלעבט א זיס לעבן! זיי האבן הנאה געהאט און געווען אפילו פרייליכער ווי סיי ווער אין היינטיגן דור! זייער גליק איז געווען, צו נאכטון זייערע עלטערן, גייענדיג בדרך התורה. זייער הנאה איז באשטאנען פון א לעכטיגער שבת טיש. פורים איז געווען אן אמת׳ע אונטערהאלטונג און חנוכה איז געווען געשמאק! חנוכה איז א זמן פון הלל והודאה, נישט פון מאכען סעודות, אבער דאך איז עס געווען גאר געשמאק. אפילו חמשה עשר בשבט האט זיי אנגעפילט מיט זיסקייט, מען האט צוזאמגענומען וויפיל פירות מ׳האט געקענט געפינען, מ׳האט זיך ארומגעזעצט ארום דעם טיש, געמאכט ערליכע ברכות און געדאנקט דעם באשעפער פאר די זאפטיגע פרוכט.

דאס אידישע פאלק האט אויך געלעבט מיט פרייליכע ימים טובים ווי שמחת תורה און שבועות! די גוי׳ישע חגאות האבן אינגאנצן נישט פארנומען קיין פלאץ אין זייער לעבן, אפילו במחשבה. זיי האבן געלעבט אפגעזונדערט פון די גוי׳ישע וועלט, א איד האט זיך אידענטיפיצירט נאר מיט זיין פאלק. יעדער איד האט געוואוסט אז די שכינה הק׳ רוט צווישן כלל ישראל און כדי צו זיין אונטער די הייליגע שכינה, דארף מען זיין פארבונדן אינגאנצן נאר מיט׳ן אידישן פאלק.

אלזא, לערנען מיר אצינד אז די לעזונג צו אלע אונזערע פארשידנארטיגקייטן איז דער פאקט אז

מיר זענען אלע איין פאלק - מיר זענען דער עם אחד וואס דינען דעם ה׳ אחד. עס איז נישט גענוג נאר דאס צו זאגן, מיר דארפן דאס פאקטיש פילן אין אונזער הארץ; מיר דארפן פילן פארבונדן צום עולם שומרי תורה ומצוות - אלעמען אריינגערעכנט - מיט אונזער גאנצע הארץ.

## פלאנצט איין קערנדלעך אין קאפ

**אצינד**, זאלט איר זיך נישט אפשאקלען און זאגן, „איך ווייס שוין דאס אלעס,“ ווייל איר ווייסט דאס נישט. עס פאדערט אן עבודה צו דערגרייכן צו א שלימות אין דעם געפיל פון פאראייניגונג. איר דארפט איינפלאנצן די קערנדלעך אין מח יעדעס מאל איר זעט א איד וואס איז אנדערש פון אייך; ער קליידט זיך אנדערש, ער רעדט אנדערש, ער דאוונט אנדערש, ער איז פון גענצליך אן אנדער שבט, דארפט איר זיך נעמען צו די ארבעט, צו איינפלאנצן געדאנקען אין אייער קאפ וואס וועלן איבערקומען די אלע אונטערשידן - דאס וועט נישט געשען פון זיך אליין.

אט גייט איר אין שול צו מנחה - געוואלדיג! אבער אויפ׳ן וועג צום שול קענט איר אריינכאפן מער. ווען איר זעט אידישע קינדער טוען זיך צוזאמקומען צו דאווענען אינאיינעם צום באשעפער, שטעלט אייערע מחשבות צו דער ארבעט: ׳פארוואס זענען די אלע פארשידנארטיגע מענטשן דא? זיי האבן זיך בלויז פערצופאל צאמגעזאמלט?! ניין; מיר זענען אלע דא פאר איין צוועק - צו דינען דעם באשעפער! דאס איז מיין פאלק! מיינע ברידער! און מיר טיילן זיך אלע מיט דעם זעלבן ציל פון דינען דעם באשעפער.׳ קוקט זיך ארום און טראכט דערוועגן; ער איז א שומר מצוות פונקט ווי מיר און אזוי אויך ער און ער און ער. זיי זענען אלע מיינע ברידער וואס גייען האנט אין האנט מיט מיר צו אויסשרייען ׳ה׳ אלקינו ה׳ אחד׳.

ווען איר קויפט איין אין א כשר׳ע עסן געשעפט, עס איז פול מיט לאנגע רייען - די צייט פון שטיין און ווארטן, זענען טייערע מאמענטן! ניצט אויס די געלעגנהייט צו איינפלאנצן קערנדלעך פון מחשבות! טראכט פון די רייען מיט אלע מענטשן, דאס זענען אייערע ׳ברידער און שוועסטערס׳. עס איז דא א סיבה פארוואס זיי געפינען זיך דא און נישט אין דעם גוי׳ישן געשעפט א גאס אוועק. מענער, פרויען און קינדער, אלע קויפן איין כשר׳ע פראדוקטן. אט דאס איז א פאלק! ״יִשְׂרָאֵל אֵין לָהֶם אֶלָּא לֵב אֶחָד לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם - דאס אידישע פאלק האבן בלויז איין הארץ איבערגעגעבן צו זייער פאטער אין הימל״ (סוכות מה:).

ליינט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס
„גליונות לשבת קודש“
מיט נאך צענדליגע הערליכע גליונות על פרשת השבוע וסיפורי מעשיות



## ווער א טייל פון דעם באשעפער׳ס ארמיי

**די** איבנדערמאנטע גמרא איז נישט סתם א פאעטיש ווארט; דאס איז פאקטיש די גרויסקייט פון די אידן, וואס טוט אונז צאמבינדן אלס איין פאלק. מיר טוען זיך אלע שטארקן אינאיינעם צו פארבלייבן דער עם ישראל. מיר האבן א גרויסע ארמיי קעגן אונז, פול מיט שונאים פון ארום. די אומרעליגיעזע אידן האבן אונז זייער פיינט. גְּדוֹלָה שִׂנְאָה שֶׁשּׂוֹנְאִים עַמֵּי הָאָרֶץ אֶת הַתַּלְמִידֵי חֲכָמִים יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁשּׂוֹנְאִים אֻמּוֹת הָעוֹלָם אֶת יִשְׂרָאֵל - די עמי הארצים האבן פיינט ערליכע אידן מער ווי די גויים האבן פיינט אידן״ (פסחים מט:). דאס איז א פאקט. בְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ - אין יעדן דור שטייען אויף אונזערע פיינט אונז צו פארלענדן. דערפאר, דארפן מיר זיין די בעסטע פריינט צווישן זיך - מיר דארפן שפירן ווי מיר מארשירן אינאיינעם אין דעם זעלבן ארמיי רעגימענט צו דעם זעלבן צוועק.

דער אמת איז, אז וויפיל איר וועט פראבירן אליין זיך צו דערנענטערן צום באשעפער - עס איז, אין א געוויסער מאס, זייער גרויס און חשוב - אבער איר מוזט וויסן אז איר וועט קיינמאל נישט מצליח זיין, נאר אויב עס איז בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל. אייער כוונה מוז אלעמאל זיין זיך צו פאראייניגן אינאיינעם מיט דעם עם ה׳, דאס פאלק וואס דינט דעם באשעפער. סיי וואס איר טוט, דארף זיין אין נאמען פון אלע אידן. אויב איר טוט א גוטער טוט אלס אן איינצלנער מענטש, וועט איר אודאי באקומען שכר פאר די מצוה, אבער איר זענט נישט זוכה צו האבן די שכינה צו אייער זייט, וואס דאס איז איינע פון די געהויבענע טעמים ביים טון א מצוה, צו משפיע זיין השראת השכינה.

די משנה זאגט, כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא! עס שטייט נישט אז מיר גייען האבן א פערזענליכער עולם הבא, נאר צוליב אייערע גוטע מעשים - דער באשעפער וועט אייך מזכה זיין מיט עולם הבא ווייל איר זענט א מיטגליד פון כלל ישראל. אייער שכר בעולם הבא איז געוואנדן אין אייער געטריישאפט צום כלל ישראל, לויט וויפיל איר זענט א טייל פון דעם באשעפער׳ס פאלק.

און דערפאר, ווען א איד טוען זיך אידענטיפיצירן מיט דעם כלל ישראל - דאס מיינט מיט די תורה׳דיגע געמיינדע - אויף וויפיל אופנים עס איז נאר שייך, דאן טוט ער געהערן צום באשעפער דורכ׳ן זיין אנגעבונדן אין זיין הייליג פאלק. אונזער וועג צו הצלחה איז, אז אלעס וואס מיר טוען זאל זיין בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל - זייענדיג ׳אינצווישן׳ די אידישע קינדער. און ווער זענען די בני ישראל? די אידן וואס זענען עובדי ה׳. און אויב מיר האלטן זיך צוזאמען מיט זיי, דאן זענען מיר פארבינדן מיט די גאנצע היסטאריע פון דאס אידישע פאלק, פון אמאל און היינט. דאס מיינט אז מיר וועלן זיין צוזאמען אויך בעולם הבא, לעולם ועד, פון אייביג ביז אייביג. כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב**
פאר השי״ת אדער ווען איר נויטיגט זיך אין א **ישועה**
**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט**
**הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

לויט וויפיל געלט
אזויפיל קאפיס
קענען מיר מאכן

צו מנדב זיין ״תורת אביגדור״ רופט: 845-213-7571
פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**אויב איינער האט פארשידענע אומגעוואונטשענע מדות וואס דארפן ווערן געטוישט, זאל ער פרובירן אלעס צופארעכטן אויף איינמאל, אדער עקסטער?**

## תשובה:

**דאס** ווענדט זיך וויפיל צייט א מענטש האט, אבער פראקטיש גערעדט וואלט איך געראטן צו נעמען איין זאך אויף איינמאל, און איין זאך אויף אמאל מיינט חדשים אויף חדשים. עס נעמט חדשים פון שווערע ארבעט צו אויסווארצלען א שלעכטע מדה.

**ס'איז** פארהאן א ספר וואס רופט זיך "חשבון הנפש" וואו עס ווערט געברענגט א פראגראם וואס צייגט אן וויאזוי צו ארבעטן אויף עטליכע מדות אויפאמאל. ס'איז א סיסטעם מיט א פלאן וואס דארף ווערן נאכגעפאלגט פונקטליך. לויט דעם סיסטעם דארף מען אויסוועלן דרייצן מדות וואס מען שפירט פאר וויכטיג צו ארבעטן אויף דעם. דערנאך שטעלט מען צוזאם דרייצן סעיפים, איינס פאר יעדע מדה, וואס איז פול מיט אזהרות און פראקטישע עצות פון דעם געוויסע מדות, אריינגערעכנט מאמרי חז"ל, אויסגעוועלטע מוסר ספרים, עצות וואס פאסט פאר אייער אייגנארטיגע מצב, און אלעס וואס וועט אייך העלפן זיך צו רוקן פאראויס מיט דעם געוויסע מדה.

**יעצט** הייבט זיך אן די ארבעט. יעדע וואך קאנצענטרירט מען זיך אויף איינס פון די דרייצן מדות. דרייצן איז א פערטל פונעם יאר, לויט דעם קומט אויס אז במשך פונעם יאר פון צוויי און פופציג וואכן, ווערט יעדע מדה איבערגע'חזר'ט און געארבעט אויף דעם פיר מאל.

**אינעם** ספר ווערט ערוועהנט אז טראגן דעם וואס מ'ארבעט אויף איין מדה א וואך, איז גוט דורכצובליקן די רשימה יעדן טאג, זיך צו דערמאנען וואו מען האלט. אפילו די מדה וואס מ'ארבעט נישט אויף דעם יענע וואך, זאל ווערן איבערגעחזר'ט.

**די** חשבון הנפש סיסטעם איז ווערטפול, ס'קען זיין א ס'איז דא נאך פראגראמען וואס העלפן ארבעטן אויף מדות, וואס אימער ס'איז פאדערט זיך פלאנירונג, און עס פארלאנגט זיך אסאך יגיעה; גוטע זאכן קומט נישט אן גרינג!

### נדבת השבוע

חלק מההפצה נתנדב ע"י מו"ה ר' חיים **שלמה אקערמאן** הי"ו
לרגל הכנסת בנו שיחי' לעול התורה והמצוות
יהי"ר שירוו ממנו רב נחת ומכל יו"ח

---

**הפצה בוויליאמסבורג נתנדב ע"י הרוצה בעילום שמו**
**לרגל נישואי בתו למזל טוב**
**יהי"ר שיזכה לראות מהם רב נחת דקדושה כל הימים**

---

זיכו הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, משתתפים בהדפסה, והפצה